# עונג שבת

# פרשת ראה תשס"ז

**גוט שבת אלע אידן.** מיר זענען א פאלק וואס לעבט מיט א באזונדערע השגחה פרטית פון הימעל. וויבאלד אז דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער צו מקיים זיין די תורה, וויל דער אייבערשטער זען אונזערע הצלחה. כדי מיר זאלן מצליח זיין, טוט דער אייבערשטער העלפן אונז מיט א העכערע בחינה פון השגחה פרטית. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "...ובך בחר ה' להיות לו לעם סגלה מכל העמים..."

לאמיר דערציילן די וואך ווייטער וועגן דעם צדיק הרב יצחק זילבער ז"ל, וואס האט מוסר נפש געווען פאר אידישקייט אין דעם שוועסטערן מצבים אין רוסלאנד אינטער די קאמוניסטען ימ"ש.

אין תשי"א, האבן די קאמוניסטען אוועקגעשיקט רב זילבער קיין סיביר נאך א בלבול. רב זילבער איז אנגעקומען צום לאגער א וואך בעפאר ראש השנה. ער האט זיך געחברט מיט איינעם פון דעם אפיצערס דארט אין לאגער וואס איז גראדע געווען א איד און א גוטער, אפילו ער איז געווען א געטרייער קאמוניסט, רח"ל! רב זילבער האט געבעטן פון יענעם איד, וואס האט געהייסן "ווישנעוו", אז ער זאל פארשאפן פאר אים א מחזור, וויבאלד אז עס איז געווען באלד פאר ר"ה.

רב זילבער אליינס האט געקענט די תפליה בעל פה, אבער ער האט געוואלט דעם מחזור כדי אנדערע אידן אין לאגער זאלן קענען דאווענען מיט אים אין א בעהאלטענע מנין. ווישנעוו האט טאקע געברענגט א מחזור מיט אנדערע ספרים, למשל א הגדה און א תנ"ך צום לאגער באהאלטענערהייט.

יענע ר"ה האט זיך אויסגעבראכן א פייער אין לאגער. האבענדיג מורא אז די אידישע איינגעשפארטע גיין אנטלאפן פון לאגער, האבן די רוסן איינגעשפארט די אידן אין א גרויסע שטוב. אלעס איז געווען פון הימעל ווייל דארט האט ברב זילבער געקענט פירן א ר"ה מנין אין דעם ארבעטסלאגער! אסאך גוים יענע טאג זענען ב"ה געהרגט געווארן אבער די אידן זענען ב"ה געראטעוועט געווארן פונעם פייער. די אידן זייערע "פריוואטע" מנין שטוב האבן געזאגט די ווערטער פון "ונתנה תוקף" יענע טאג מיט גרויסע כוונה: "מי במים ומי באש!!" יום כיפור יענע יאר אין לאגער, האט רב זילבער אויך מצליח געווען צוזאמענצורופען א מנין צו דאווענען פאר א האלבע שעה.

אמאל אין תפסיה האט רב זילבער געדאווענט און ער האט געהאלטן אין מיטן ש"ע ווען צוויי סאלדאטן זענען געקומען צו אים צו רופן צום קאמאנדאנט, דער הויפט אפיצער אין לאגער. רב זילבער האט נישט געוואלט מפסיק זיין מיטן תפילה און דערפאר האט ער נישט געענטפערט די סאלדאטן. עס איז זעלבספארשטענדליך אז די רוסישע סאלדאטן האבן נישט געדארפט קיין גרויסע סיבה צו הרגענען א איד אין דעם ארבעטסלאגער. רב זילבער האט ב"ה זוכה געווען צו שמירה יענע טאג און די סאלדאטן האבן גארנישט געטון צו אים. איינער פון די סאלדאטן האט אפילו געזאגט, אז "אפילו מיר גיין אים הרגענען, גיין מיר אים נישט קענען אוועקריקען פון וואו ער שטייט!"

נאך צוויי יאר אין תפיסה אין די סיביר, האט ער ב"ה באקומען חנינה, און ער איז ארויס פון תפיסה געגאנגען. שפעטער אין תש"כ, האט ער אריינגעגעבן צום רעגירונג אן אפליקאציע צו מאכן "עליה" קיין ארץ ישראל. פארשטייט זיך אז די רוסן האבן עס נישט אזוי ליב געהאט און זיי האבן אים אנגעהויבן צו פייניגען. ער איז אנטלאפן דעמאלט מיט זיין משפחה קיין טאשקענט, וואס איז א שטאט אין א מדינה לעבן פרס. אפילו אז יענער מדינה איז געווען אינטער די רוסן, איז די מצב געווען אביסל גרינגער דארט.

אין טאשקענט האט מען איין טאג גערופן רב זילבער צו ליינען אין דעם הויפט בית כנסת אין דעם געגענט. יענע בית כנסת איז פיל אבער געווען מיט שפיאנען וואס האבן געמסר'ט אסאך אידן. רב זילבער האט מורא געהאט אבער, טאמער ער וועט נישט קומען גייט די מנין נישט האבן קיין קריאת התורה. דערפאר איז ער געגאנגען דארט. ווען ער האט אנגעפאנגען צו ליינען, האט ער געהערט אז די עולם שמועסט. ער האט אפגעשטעלט דעם ליינען, און ער האט געווארט ביז עס וועט זיין שטיל. אויב ער איז גרייט געווען מוסר נפש צו זיין פאר ליינען אין דעם שול, פארוואס זאל עס נישט זיין שטיל אזוי ווי עס דארף צו זיין!

רב זילבער האט אויך אסאך מאל מוסר נפש געווען צו מאכן א מנין. ער פלעג אריבערגיין צו אידן'ס הייזער כדי זיי צו רופן צו משלים זיין א מנין. אין יענע חלק פון רוסלאנד, זענען געווען אסאך הינט. אסאך מאל האבן די הינט אים שטארק געביסן ווען ער איז אריבערגעגאנגען א וואנט וכו' צו רופן איינעם צום מנין!

סוף כול סוף, אין תשל"ב האבן די רוסן אים ערלויבט צו פארן קיין ארץ ישראל. ער איז ב"ה אנגעקומען קיין א"י און מיט די יארן איז ער געווארן א רבי צו אסאך רוסישע בעלי תשובה!

יארן שפעטער, ווען ער האט געוואוינט אין א"י שוין עטליכע יארן, האט רב זילבער געהאט א שייכות מיט ווישנעוו'ס זון. (ווישנעוו איז געווען דער קאמוניסטישער איד אין לאגער וואס האט אים געברענגט די ספרים.) ווישנעוו'ס זון האט דערציילט צו רב זילבער אז ער געדענקט וואס זיין טאטע האט דערציילט דעמאלט יארן פריער וועגן א איד וואס האט מוסר נפש געווען צו היטן שבת אין לאגער.

רב זילבער האט אויסגעלערנט ווישנעוו'ס זון צו זאגן קדיש פאר זיינע עלטערן וואס זענען נישט געווען אויף די וועלט. אפאר יאר שפעטער האט ווישנעוו'ס זון גערופן רב זילבער און געזאגט צו אים אז ער גייט באלד האבן אן אפעראציע, און ער האט געבעטן פון רב זילבער אז ער זאל דאווענען פאר אים פאר א רפואה שלימה!

רב זילבער האט דעמאלט געוואוינט שוין אין ירושלים, און ער איז געלאפן צום כותל, וואו ער האט בוקע געווען די הימלען מיט הארציגע דאווענען און הייסע טרערן פאר דעם זון פון איינעם וואס האט אים א טובה געטון פערציג יאר פריער אין לאגער! נאכדעם האט רב זילבער געזאגט אז זיין דריי יאר אין תפיסה האבן זיך געלוינט נאר צו קענען אפשר מחזיר זיין איין איד בתשובה, ד"ה ווישנעוו'ס זון!

וויבאלד אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין דער אייבערשטערס אויסגעקליבענע פאלק, לאמיר אלע נתעורר ווערן צו טון נאר דעם אייבערשטען רצון. דער אייבערשטער האט אונז בוחר געווען "ובך בחר ה'," איז לאמיר אלע ווייזן אונזערע געטריישאפט פארן אייבערשטען. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יחיאל מיכל שווארץ הי"ו ולמוה"ר יוסף טאמער הי"ו לרגל שמחת נשואי בניהם בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר' דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים., לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) נא לעיין בדף זה לאחר התפילה "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (זוהר הקדוש שמות פר' תרומה קלא:)